אין געוועב
IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**New Yiddish Poetry from the Israel-Gaza War**

by **Sholem Berger, Tal Hever-Chybowski, Eli Sharfshteyn**, **Miriam Trinh, Refaat Alareer,** translation by Zackary Sholem Berger, A. Z. Foreman, David Forman, Jessica Kirzane and A. C. Weaver

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (February 2024)

For the online version of this article:

[https://ingeveb.org/texts-and-translations/new-yiddish-poetry-war-2024]

# New Yiddish Poetry from the Israel-Gaza War

Sholem Berger, Tal Hever-Chybowski, Ber Kotlerman, Eli Sharfshteyn, Miriam Trinh, Refaat Alareer, translated by Sholem Berger, A. Z. Foreman, David Forman, Jessica Kirzane and A. C. Weaver

**Introduction:** Four months have passed since the Hamas attacks of October 7th and the start of the war in Gaza. As editors and scholars of Yiddish Studies, we have been anguished by the devastation, loss and trauma of this conflict. Over these painful months, contemporary Yiddish poets have documented, protested, mourned, and expressed political and emotional responses to the unfolding events through the Yiddish word. Through this collection, we endeavor to give a sense of creative responses that have been performed or published recently *af der yidisher gas*. The poems in this collection are strained with the process of articulation—some extricate historical words that resonate with fresh connotations, others cite pained, clipped fragments from relatives and radios, and all contend with the limits of an alphabet, and the desperate need to call out, as an individual or a collective. These poems express convictions across a political spectrum, and it is our goal to bring them together to show the breadth of contemporary Yiddish expression at this urgent moment, and not to endorse any particular view. It feels impossible to find words for the present, yet we hope that this collection, along with the list of teaching sources published earlier, will be a resource for readers in this difficult time.

We are grateful to Zackary Sholem Berger for his co-editing work in collecting, curating and translating these poems.

We welcome further additions to this list, written in original Yiddish with English translation. Please send suggestions to translate@ingeveb.org.

Sholem Berger, “No,” trans. A. Z. Foreman
Tal Hever-Chybowski, “Khurbn Gaza,” trans. David Forman
Ber Kotlerman, “Sevenfold,” trans. Jessica Kirzane
Eli Sharfshteyn, “A Dark Dawn,” trans. Jessica Kirzane
Miriam Trinh, A Poem, trans. Sholem Berger
Refaat Alareer, “If I Must Die,” trans. A. C. Weaver

# No
## By Sholem Berger

No their death will not revive the dead.
No their hunger is not our bread.
More tears from them just make more tears.
Blood is red. Is red.

The beheaded child. The floating skull...[1]
The child under rubble. Lived hardly at all.
Snuffed breath of Jew and Gentile will not blow
Anyone's grief away. No.

I sit and write. One letter. At a time.
Despair is nothing. Live? Maybe. Or die...[2]
No their destruction has not built one shred.
Dead is dead.

*Trans. A. Z. Foreman*

*This poem was initially posted to Facebook on October 12, 2023 and read at the break-fast for a communal fast for Palestinian, Israeli, and any other victims of violence, in Baltimore on October 16, 2023.*

[1] Literally "the skull on the water," a reference to the story of Hillel from Pirkei Avot: "He as well saw a skull floating on the surface of the water and he said to it: Because you drowned others they drowned you; and those that drowned you will in the end be drowned" (*Trans.*).
[2] This line, written in Hebrew, reads literally "Despair is nothing. Shall I live? Shall I die?" and is a reference to Psalms 118:17 (*Trans.*).

# The Destruction of Gaza[3]
## By Tal Hever-Chybowski

*My heart is in the east, and I in the uttermost west* -- Yehuda HaLevi

In the midst of horror
comes a moment
when I feel an urge
to pull myself from the community.

Just then a voice inside me speaks:
How can you deny your origin
when the tears on your boy's cheek
remind you of the Destruction
of the Temple?

When the Destruction of Gaza begins
I find myself in Guernica.
Not metaphorically,
not figuratively,
but actually there
as a tourist,
a new father with his son and his mother,
in an old caravan,[4]
a mobile home more grounded
than all the countries in the world
at this moment.

On the telephone
my father reminds me
of Abba Kovner's line:
"A Guernica on every hill."

He wrote it
in nineteen hundred forty-nine
in response to the first Nakba.

We drive on farther
to the uttermost West –

---

[3] The word 'khurbn' in the Yiddish title literally means 'destruction', but is stronger than the English word. It is used most often to refer to the destruction of the First and Second Temple, the total annihilation of a town, such as in the pogroms in Ukraine in 1918-1920, or the Holocaust.
[4] "Caravan"—the British English term for a mobile home (*Trans.*).

Finisterra –
"the end of the earth."

In the caravan, shut tight,
I talk to the Eastern Wall
saying:
Shma Yisroel, in Your name
and in mine, they are doing this.

*Trans. David Forman*

*This poem was initially published in the פֿאָרווערטס/Forverts/Yiddish Forward on January 26, 2024 and has been translated into multiple languages including Lithuanian, Hebrew, Dutch, German, and French.*

# Sevenfold (A Lamentation)
## By Ber Kotlerman

*Steel and iron, cold and hard and dumb*
*Forge your heart, oh man – and come!*
*Ch. N Bialik, "In the City of Slaughter"*

Tear your eyes away from the grey news stream
Sit on the floor and weep, and moan, and keen
At the sheer horror, obscene.
For there, where once a flower bloomed in the field,
A girl's body lies, forlorn
And where an infant clapped its hands in glee
Blood-spattered dolls strewn between the ruined walls
Wail without a sound, without a voice
And wait for someone to hear them…
Forge your pain, your heart, forever
To that fence, that watchtower
That should have protected them
From the slaughter.
You - swear your ancient oath, be now their voice:
Sevenfold.

*Trans. Jessica Kirzane*

*This poem was initially posted to Facebook on October 14, 2023, and was recited on November 22, 2023 on the French Radio Yiddish Pour Tous and for Fishl's Yiddish Group on November 21, 2023. The poet will read this poem, among others, on February 19, 2024, at a poetic Yiddish rally for the Israeli hostages, sponsored by the Argentinian IWO (YIVO) and the Rena Coster Center for Yiddish Studies at Bar Ilan University.*

# A Dark Dawn
## By Eli Sharfshteyn

Angry winds blow
and clouds blacken the sky.
Prayers are still of no avail
and children still die.
“These names are shared with permission” they go on saying,
showing those beautiful faces.
And still, everywhere, weeping,
and no one can help.
And what’s the exit strategy? The agenda?
Is there a light at the end of this tunnel?
One hundred and seventeen days have passed.

*Trans. Jessica Kirzane*

*This poem was posted on Facebook on February 1, 2024.*

•

## By Miriam Trinh

Alarms. All around, abandoned, annihilated.
Beginning: Bearing, beweeping, burying.
Catastrophe. Crying, calling: communications completely closed.
Dismal: Dead? Despair. Definitely – dead?!
Egregious (Enfeebled Eretz!)
Failure.
Guilty. Godforbid. Grieving guests.
Homes
Incinerated, immolated – Israeli
Jews
Killed, kibbutzim
Lost. Liquidated. Left? Let live!
May, must, mettle and morale, my medina, my mutiny (my enemies mania)
Not nose around – narrate! Not nothing; necessary. Nettling, needed –
Ongoing obligation of October.
Personal, powerful, painful
Questioning countenance. Cross,
Red rider. Rescuer.
Shhhh. Shalom – simchat
Torah. Tarbut. Tell.
Unfinished
Valedictory.
We will
Expect, yearn, see.
All. Around. After.

*Trans. Sholem Berger*

*This poem appeared in the Fall-Winter 2023 issue of* Afn Shvel. *The entire issue was devoted to the tragic events in Israel on October 7 and the resulting war against Hamas — featuring various perspectives and experiences, and testimony from both victims and those who came to their aid.*

# If I Must Die
## By Refaat Alareer

If I must die,
you must live
to tell my story
to sell my things
to buy a piece of cloth
and some strings,
(make it white with a long tail)
so that a child, somewhere in Gaza
while looking heaven in the eye
awaiting his dad who left in a blaze—
and bid no one farewell
not even to his flesh
not even to himself—
sees the kite, my kite you made, flying up above
and thinks for a moment an angel is there
bringing back love
If I must die
let it bring hope
let it be a tale

*Trans. into Yiddish: A. C. Weaver*

*This poem was published on the author's Twitter on Nov. 1, 2023. It has been translated into over 40 languages and performed in a variety of forums. The Yiddish translation was performed at an evening cabaret of Yiddish New York on December 25, 2023.*

## נישט

נישט זייער טויט וועט מחייה זײַן די טויטע.
נישט זייער הונגער איז אונדזער ברויט.
מערן זייערע טרערן וועט נאָר טרערן מערן.
בלוט איז רויט. איז רויט.

דער שאַרבן אויפֿן וואַסער. דאָס קינד געקעפּט---
דאָס קינד אונטער חורבֿות. האָט קוים געלעבט.
דער געכאַפּטער אָטעם פֿון ייִד און גוי
לופֿטערט נישט קיינעמס נויט.

איך זיץ און שרײַב, אות נאָך אות
ייאוש איז גאָרנישט, אחיה? אמות?
נישט זייער צעשטערונג האָט אויפֿגעבויט.
טויט איז טויט.

# חורבן עזה

אין מיטן גרויל
פֿאַראַן אַ רגע
ווען עס גלוסט זיך מיר
אַרויסצונעמען זיך פֿון כּלל.
פּונקט דעמאָלט רעדט אַ שטים אין מיר:
ווי קענסטו לייקענען דײַן שטאַם
אַז טרערן אויף דײַן ייִנגלס באַק
דערמאָנען דיר אין חורבן
בית־המיקדש?
ווען חורבן עזה הייבט זיך אָן
געפֿין איך זיך אין גערניקאַ.
ניט מעטאַפֿיזיש,
ניט פֿיגוראַטיוו,
נאָר דאָרטן ממש,
ווי אַ טוריסט,
אַ פֿרישער טאַטע מיט זײַן זון און מיט זײַן מאַמען
אין אַן אַלטן קאַראַוואַן,
אַ פֿאָרנדיקער היים וואָס איז מער ערד
פֿון אַלע לענדער אין דער וועלט
אין דעם מאָמענט.
אין טעלעפֿאָן
דערמאָנט מײַן טאַטע מיר
אין אַבא קאָוונערס שורה:
„גערניקא אויף יעדן בערגל“.
אָנגעשריבן האָט ער זי
אין נײַנצן הונדערט נײַן און פֿערציק
ווי אַן אָפּרוף אויף דער ערשטער נאַקבאַ.
מיר פֿאָרן ווײַטער
ביז סוף־מערבֿ —
פֿיניסטעראַ —
„סוף פֿון לאַנד“.
אין קאַראַוואַן אין דעם פֿאַרמאַכטן
רעד איך צו דער מיזרח־וואַנט
אַזוי צו זאָגן:
שמע ישׂראל, אין דײַן נאָמען

און אין מײַנעם טוט מען דאָס.

# זיבנפֿאַך (אַ קינה)

*שטאָל און אײַזן, קאַלט און האַרט און שטום*
*שמיד אויס אַ האַרץ פֿאַר זיך, דו מענטש — און קום!*
*ח. נ. ביאַליק, „אין שחיטה־שטאָט“*

רײַס אָפּ די אויגן פֿונעם גרויען נײַעס־שטראָם,
זיץ אויפֿן דיל און וויין, און וואָי, און הויל
פֿון הוילן גרויל,
ווײַל דאָרט, ווו ס׳האָט אַ בלום געבליט אין פֿעלד,
אַ קערפּער פֿון אַ מיידל אײַנזאַם ליגט,
און ווו אַן עופֿל האָט געפּאַטשט די הענט מיט פֿרייד,
מיט בלוט פֿאַרפֿלעקטע ליאַלקעס צווישן ווענט
געחרובֿט שרײַען אָן אַ קלאַנג און אָן אַ קול
און וואַרטן נאָך, אַז עמעץ זאָל זיי הערן...
שמיד צו דײַן פּײַן און האַרץ אויף תּמיד
צו יענעם צוים, צו יענעם עמוד,
וואָס האָט געמוזט זיי היטן
פֿאַר דער שחיטה.
דו—גיב אַ וואָרט פֿאַר זיי, אַ נדר—
זיבנפֿאַך.

## דער שוואַרצער פֿרימאָרגן

אַ שוואַרצע כמאַרע אויפֿן הימל
און בלאָזן בייזע ווינטן.
און ווידער העלפֿן נישט קיין תּפֿילות,
און ווידער פֿאַלן קינדער.
און ווידער "הֶיתֵּר לְפִרְסוּם"
מיט פּנימער מיט שיינע,
און ווידער וויינט מען אומעטום,
און העלפֿן העלפֿט נישט קיינער.
און וואו'ז דער אויסוועג? די אַדזשענדע?
ס'איז דאָ נאָך ליכט אין טונעל ענדע?
שוין הונדערט זיבעצן טעג אוועק,
און נישט קיין ענדע, נישט קיין עק...

**א - אָקטאָבער אין „ארץ“** און אַצינד איז אַלץ אַנדערש אין אונדז, אַרום און אומעטום

ב - באַשרײַבן, באַוויינען, באַגראָבן -

ג - גאָר גרויס גוואַלד געשריגן - גאָרנישט: גרויזאַם געשוויגן

ד - דײַן

ה - היים

ו - וואָס

ז - זאָל

ח - חרובֿ ווערן, חס־ו...

ט - טרעוואָגע! טאַקע? טראַוומע. טאַקע? טאַקע טויט! טאַקע?

י - יאָ

כּ - כּלות כּלפּי כּלבֿים - כּולו חייבֿ

כ - כליפּען, כאַפּן, כליאַניען

ל - לאָזט לעבן!

מ - מיט אַנאַנד? מוט. מורא. מע מעג? מע מוז? מײַן מדינה! משוגע מײַנע שׂונאים...

נ - נישט נישטערן נאָר נאַרײַען נאַראַטיוון: נייטיקע, נישטיקע, *נאָגיקע*

ס - ס׳עט סטײַען - - - וואָ**ס**? דער כּוח צום סך־הכּל, צו זאָגן

ע - עדות: עזה. עזות־פּנים. העזה.

פּ - איין פּײַן־פּנים.

פֿ - פֿעלקער

צ - צוויי

ק - קרייץ

ר - רויטער ריטער. רעטער? רוזִק.

ש - שאַ־שטיל!...שלום - חלום

שׂ - שׂימחת־

תּ - תּורה, תּרבות, תּל

ת - ס ו ף

(און אין אָנהייב: וואַרט דאָס וואָרט. נאָך אַלע. נאָך אַלעמען. נאָך אַלץ)

# אַז איך זאָל אומקומען

אַז איך זאָל אומקומען על-קידוש-השם,
לעב:
פֿון מײַן לעבן זאָלסטו דערציילן
מײַנע פֿאַרמאָגן זאָלסטו פֿאַרקויפֿן
כּדי צו קויפֿן אַ שטיקל טוך, מיט שנורן
(ווײַס זאָל עס זײַן, מיט אַ לאַנגען עק).
און ווען ערגעץ ווּ אין עזה
זאָל אַ קינד קוקן גן-עדן אין די אויגן:
אַ קינד, וואָס וואַרט אויף זײַן טאַטן
וואָס איז אַוועק אין אַ שׂרפֿה
אָן קיין אָפּשייד-וואָרט
פֿאַר זײַן אייגענע, פֿאַר זיך אַליין...
וואָלט דאָס קינד דעם פלישלאַנג דערזען,
מײַן פֿלישלאַנג, וואָס דו האָסט געמאַכט,
וואָס פֿלאַטערט אין אויבן—
דאַן גלויבט דאָס קינד, אויף אַ רגע,
אַז אַ מלאך פֿליט דאָרט
וואָס ברענגט צוריק די ליבשאַפֿט.
אַז איך זאָל אומקומען על-קידוש-השם
לאָז עס דעם ביטחון שטאַרקן
לאָז עס זײַן אַן אַגדה.